ב"ה

Including English

MONTHLY BOOKLET

# A TASTE
## of the Rebbe's Rallies

# חודש אייר

Inside, you will find a small taste of each of the Rebbe's **16** rallies during the month of אייר! Including the rallies that are available in **English**!

**Which will YOU learn?**

Brought to you by
**berel.me/rallies**

Issue No. 1 | ימים הסמוכים לל"ג בעומר תשפ"ו - 50 שנה משנת החינוך

# About this publication:

This booklet is presented in honor of 50 years since Shnas Hachinuch and the establishment of the 12 Pesukim and Maamarei Chazal. The goal of this publication is to give you a taste of the Rebbe's Children's Rallies throughout the years (focusing on one month per issue). And בעזרת השם to get as many people as possible to learn more Rallies. (The Rebbe spoke about adults learning the rallies in תזריע-מצורע תשמ"ב).
*Join the many who are already learning the Rebbe's Children's Rallies throughout the year!*

**One cannot become full from just a taste!**

Please share with your friends and family, and anyone else you care about. זכות הרבים תלוי בך!

## Note about the *kvius*:

The top of each *chelek* shows the exact date of the rally.

The parts of the date that are **Bold**, are the parts that **match this year's *kvius***.

For example, this

יום ג', **כ' אייר**, בבית הכנסת
**תש"מ**

shows that the rally on כ' אייר תש"מ was on Tuesday, which is different from this year, תשפ"ו, when כ' אייר doesn't fall out on Tuesday.

(Note that other aspects can affect the קביעות such as שנת השמיטה, הקהל, שנת העיבור etc. But these will not be calculated)

**May we be zoche to a new Tzivos Hashem Rally with the Rebbe himself, now!**

The printed version is funded by people who care about this initiative.
Participate at berel.me/taste/participate

נסדר ע"י דובער בן אסתר
A **berel.me** project

לע"נ הרה"ח הרה"ת ר' יהודה ליב ב"ר חיים ברוך ע"ה אלעווסקי
ולע"נ הרה"ח הרה"ת ר' משה יהודא ב"ר צבי יוסף ע"ה קאטלארסקי

ווייטער. ביידע האבן געהאט דעם זעלבן רבי'ן – רבי עקיבא'ן; ביידע האבן געלעבט אין דער זעלבער צייט־יאון אין די זעלבע אומשטענדן. פונדעסטוועגן, איז פון דעם ערשטן סוג תלמידים גארנישט געבליבן, מיר ווייסן אפילו ניט זייערע נעמען. דער צווייטער סוג תלמידים – די תלמידים פון נאך ל"ג בעומר – הגם זיי זיינען געווען פיל ווייניקער אין צאל, האבן זיי אויסערגעוויינלעך מצליח געווען, און זייער תורה און נאמען שיינט און לייכט ביז היינטיקן טאג און איז פאראייביקט אויף אלעמאל3).

וואס האט מיטגעבראכט דעם אונטערשייד? דער צווייטער סוג תלמידים האבן זיך משתדל געווען, געלייגט כחות און אכט, אז זיי זאלן לערנען, און לערנען מיט אהבת ישראל, עס זאל זיין שלום צווישן זיי, כבוד פון איינעם צום צווייטן. דאקעגן די תלמידים פון ערשטן סוג האבן ניט געלייגט קיין אכט אויף דעם, דערפאר האבן זיי אין לערנען אויך ניט מצליח געווען.

עס מאנט זיך ביי תלמידים בכלל און בפרט ביי תלמידים וואס לערנען תורה ביראת שמים, אין א חסידישער ישיבה, אז זיי זאלן וויסן און געדענקען, אז עס ווענדט זיך אן זיי אליין: אויב זיי וועלן זיך משתדל זיין אויף לערנען תורה באהבת ישראל, לעבן בשלום וכבוד מיט חבר און לערנען מיט א חבר, וועט זייער נאמען זיין לכבוד ולתפארת פאר דער ישיבה, און זיי וועלן אויסוואקסן גוטע אידן און גרויסע אידן און זיין לכבוד ולתפארת פאר דעם גאנצן אידישן פאלק.

ד. דער אויבערשטער זאל אייך העלפן, איר זאלט האבן דעם פעסטן ווילן אויף לערנען תורה, און לערנען לויט דעם רצון פון דעם מייסד ומנהל הישיבה כ"ק מו"ח אדמו"ר זכר צדיק לברכה, אזוי ווי ער האט געוואלט, און וואס אויף דעם האט ער געגעבן כחות, דאן קען מען זיין זיכער, אז איר וועט מצליח זיין אין לערנען און מצליח זיין אין לעבן. און מען וועט זיך קענען בארימען און זאגן "ראו גדולים שגדלתי" – דאס זיינען די פירות פון אזא חינוך און אזא לערנען: זיי האבן געלערנט ווי מען דארף, האבן זיי מצליח געווען בכל.

דעם כח אויף דעם, און דעם וועג דערצו, ווייזט ל"ג בעומר, וואס דאן – ל"ג בעומר – הויבט זיך אן א נייער סדר פון שטארקן ווילן צום לערנען, און לערנען מיט אהבת ישראל, וואס דאס איז פארבונדן און איז א כלי צו אהבת הקב"ה און אהבת התורה, און דאן וועט דער אויבערשטער, מידו המלאה והרחבה, געבן ברכה והצלחה, יעדערן פון אייך, אייערע עלטערן, און די אדומיקע.

דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין בהצלחה מרובה.

(אח"כ אמר:) מסתמא וועט מען זיי עפעס געבן כיבוד אויך, איך מיין – אז איך קען זאגען מערניט ווי מוסר, און כיבוד זאל קומען פון אנדערע, און ס'זאל זיין אויך מיט הצלחה.

ניגנו כי בשמחה תצאו.

הוראה נוספת בענין זה ישנה מרבי שמעון:

ישנם הטוענים, כשנמצאים בגלות קשה כזה, איך יכול להיות לאדם התוקף והחוזק ללמוד תורה ולקיים מצוות?

על זה מספרת לנו הגמרא[3]: אמר רבי שמעון גלו לבבל ולאדום שכינה עמהם. בכל מקום שיהודי שם, נמצא אתו הקב״ה ונותן לו כח להתנהג לפי דרישת התורה.

כשילדים חושבים, איך יכולים ללמוד בשקידה ובהתמדה, בזמן שחבריהם עושים דברים אחרים בשעת מעשה, ואיך הם יכולים להתגבר על יצרם הרע כשילדים אחרים מפתים אותם לשחק גם בזמן הלימוד והתפלה.

אומר על זה רבי שמעון:

הקב״ה נמצא עם כל ילד וילדה, והוא — הקב״ה — עוזר לעבור את הגלות, שעל ידי זה מצליחים בתורה, כמו בחיים הגשמיים.

יתן השי״ת לכל אחד מכם, כקטן כגדול, שתזכרו תמיד שהקב״ה ברא את העולם ומנהיגו ומשגיח בהשגחה פרטית על כל אחד ואחת, נמצא הוא עם כל אחד מכם ונותן הכח והעוז ללמוד תורה ולקיים מצוות ולהצליח בזה. ובזכרכם זאת, תהיו מאושרים, אושר יהודי אמיתי, בגשמיות וברוחניות, והוריכם ומוריכם ישבעו מכם רוב נחת.

ובקרוב ממש, כשמשיח יבוא, תצאו, אתם בתוך כלל ישראל, מהגלות, שלימים, בריאים, ושמחים, לגאולה השלימה במהרה בימינו אמן.

* * *

אבקש שהילדים והגברים ינגנו הניגון ״אני מאמין בביאת המשיח״, והילדות והגברות תמחאנה כף.

(אחרי שסיימו לנגן, אמר:)

# יום א', ל"ג בעומר - בעת ה'פאראד'
# תשי"ז

ווען אידן האבן געדארפט מקבל זיין די תורה, האט דער אויבערשטער געפרעגט מיט וואס קען מען זיין זיכער אז מען וועט שעצן און היטן די תורה אזוי ווי דער אויבערשטער וויל?

האבן אידן געענטפערט, אונזערע קינדער וועלן זיין אונ-זער ערבות, זיי וועלן פאר אונדז גאראנטירן אז זיי און מיר וועלן לערנען תורה און מקיים זיין מצות.

און דורך דער ערבות האט דער אויבערשטער מסכים געווען צו געבן די תורה פאר אלע אידן[2].

ד. און דאס איז אויך די אפלערנונג פון דעם אויף אונזערע צייטן:

**בחסד ה´ געפינען מיר זיך דא אין א סאך א לייכטערן גלות ווי ס´איז געווען יעמולט, ס´איז ניטא אזוינע מורא´דיגע גזי-רות פון הרג´נען, ר"ל, אידישע קינדער, אבער פונדעסטוועגן, געפינען מיר זיך דאך אין גלות, און דערפאר זיינען דא די שוועריקייטן וואס אידן האבן אויף אויפפירן זיך ווי א איד דארף זיך אויפפירן.**

**דארפן קינדער ניט פארגעסן אז מיר האפן טאג-טעגליך אויף דער אמת´ער גאולה, און דערפאר דארף מען זיך גרייטן צו איהר דורך לערנען תורה מיט התמדה און שקידה און דורך היטן די מצות וועלכע זיינען אונדז איבערגעגעבן געווארן דורך דער תורה.**

ה. אין ספירה אליין. געפינען מיר זיך איצטער אין דעם דריי און דרייסיקסטן טאג – ל"ג בעומר.

דער טאג פון ל"ג בעומר איז פארבונדן מיט ר´ שמעון בן יוחאי, איינער פון די גרעסטע תנאים וואס זיינען געווען בא אידן, און אין דעם טאג – ל"ג בעומר – האט ער געלערנט און אנטפלעקט פון די טיפסטע ענינים פון תורה, און האט עס איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים, און דורך זיינע תלמידים צו אלע אידן.

און ר´ שמעון בן יוחאי האט געזאגט[3], אז אזוי וועט אויך זיין אין דעם דור וואס עס וועט זיך ענדיגן דער גלות און עס וועט קומען משיח, אז אין דעם דור וועלן ניט נאר דערוואקסענע נאר אויך קינדער לערנען די טיפסטע ענינים אין תורה, און דורך דעם וועלן זיי ברענגען די גאולה האמיתית.

אין א המשך, און א פארזעצונג, צו דער ערשטער לערנונג.

דערצו קומט נאך צו א דריטער פונקט, אז בשעת ר' שמעון בן יוחאי האט באקומען די ערלויבעניש אויף לערנען אויכעט די פארבארגענסטע טיילן פון תורה מיט אלעמען, האט ער דאס אנגעהויבן דעם אנהויב דערפון וואס ער האט דאס געלערנט מיט געקליבענע תלמידים, בשעת ס'איז געווארן די צייטן נאך שווערער, און דער אויבערשטער האט געזען אז מ'דארף געבן אידן נאך מער כח, נאך מער התלהבות און כח, אויף קאנען ביישטיין די אלע נסיונות, אט דעמאלט איז אראפגעשיקט געווארן דער בעש"ט וואס היינטיגער יאר שבועות ווערט צוויי הונדערט יאר זינט זיין הסתלקות.

און וואס זיין שליחות איז געווען, אז אט דאס וואס ר' שמעון בן יוחאי האט געלערנט מיט געקליבענע תלמידים און האט זיי געהייסן דאס איבערגעבן דערנאך ווייטער, איז פון בעש"ט'ן אן האט מען דאס אנגעהויבן לערנען און אנטפלעקן צו אלעמען אין אלץ א גרעסערן קרייז ווי דער לשון איז דער בריוו פון בעש"ט יפוצו מעינותיך – אז דאס דארף פארשפרייט ווערן אלץ מערער און מערער, ביז וואנענט עס וועט דערגרייכן חוצה אפילו אין די ווייצטע ווינקלאך פון דער וועלט.

וואס דאס איז דאך א המשך צו די פריערדיקע צוויי נקודות, אז דער אויבערשטער זאגט אידן, אז ניט קוקענדיק אויף דערויף וואס איר לעבט אין א וועלט וואס דארט איז דא פארשידענע ערליי באוועגונגען, ביז וואנעט אז מען שרעקט זיך מיט א "אטאם באם", און מ'שרעקט זיך מיט פארשידענע ערליי פארפאלגונגען, און בפרט שווערקייטן אין מקיים זיין אידישקייט – תורה און מצוות, איז דוקא דעמולט אנטפלעק איך צו אייך מיין ליבשאפט אין גאר דער אפענסטער פארום, דורך דעם וואס איך גיב אייך אוועק די טייערסטע זאך וואס איז דא ביי מיר, ניט נאר די אנטפלעגטע טייל פון תורה – נגלה דאורייתא, ניט נאר די פארבארגענע טייל פון תורה פאר יחידי סגולה – פאר געקליבענע, נאר איך הייס און וויל אז מען זאל פארשפרייטן און אנטפלעקן און לערנען די רזין דאורייתא – די פארבארגענסטע טיילן פון תורה פאר יעדערן פון קליין ביז גרויס.

וואס דאס איז געווען די שליחות פון בעש"ט, ווי ער האט דאס דערנאך איבערגעגעבן זיינע תלמידים, און די תלמידים פון תלמידים דעם אלטן רבי'ן ביז צו אונזער דור, אז יעדערער פון אונז זאל זען פארשפרייטן תורה און אידישקייט וואו נאר ער קאן דערגרייכן.

און ווי געזאגט פריער, אז די אפלערנונג פון ל"ג בעומר איז, אנהויבנדיק פון די תלמידים פון רבי עקיבא'ן, אז דאס דארף געטאן ווערן דורך ליבשאפט און קירוב און דערנענטערונג צו א צווייטן אידן, ניט קוקנדיק וואס ס'איז דא צווישן זיי אן אונטערשייד אין יארן אין לערנען אין פרומקייט אדער אין רייכקייט, זאלן זיי דאס טאן ווי דער אויבערשטער האט באוויזן דעם ביישפיל, אז ער גיט אפ די טייערסטע ביז אין חוצה, ביז אין אלע ווינקלאך פון דער וועלט, און אט דאס האט ער געגעבן כח און האט געהייסן יעדער פון אונז טאן, אויף פארשפרייטן און אפגעבן אלץ וואס מ'האט, ביז אין פנימיות הנשמה ביז די פארבארגנסט און טייערסטע זאכן וואס א איד האט, כדי צו מאכן ליבטיגער און בעסער ארום זיך, ביז וואנענט דאס וועט אויך דערגרייכן אין חוצה פון דעם ווייטסטן ווינקל פון דער וועלט.

יום א', **ל"ג בעומר** - בעת ה'פאראד'

# תשכ"ו

און דורך דעם איז ניט נאר וואס ס'איז בטל געווארן די גזירה, עס איז אויך, זעלבסטפארשטענד – ווי די גמרא און זוהר דערציילן – אז דער אויבערשטער האט זיי צוגעשטעלט זייער פרנסה און אלץ וואס זיי דארפן אן קיינע טרחה.

נאר אויך דארטן דערנאך ארויסגעיינדיק פון מערה, זיינען זיי געווארן פירער און אנפירער פון אידן אין זייער דור און אין די דורות נאך זיי, האבן געהאלפן אידן סיי בגשמיות אין פרנסה זאכען סיי ברוחניות אז אין וויסען ווי אזוי אויפצופירן זיך אין נשמה לעבען אין אידישקייט אין אידישען לעבען.

און דאס טרעט אויך דורך א וועג און לערנט אונז ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן אין אונזער צייט.

דער אויבערשטער האט אונז מצליח געווען און געבענטשט אז מיר לעבען אין א צייט און אויך אין א מדינה וואס עס זיינען ניטא קיינע גזירות בכלל און בפרט ח"ו גזירת מיתה.

עס איז דא אבער איינע פון די הויפט גזירות און דאס איז די גזירה פון דער יצר הרע, וואס ער וויל אפשיידן אידן, ניט צולאזן אידן פאראייניקן זיך מיט דעם לעבען פון אידן וואס דאס איז די תורה, כי היא חיינו ואורך ימינו און ער זוכט דערצו פארשידינע וועגען און איינרעדעענישען ווי אזוי צו זען אפשוואכען און אפקילען און אפרייסן ח"ו א אידן פון תורה און פון אירע מצוות.

און דאס לערנט און דארף לערנען יעדערען פון אונז פון דעם סיפור פון דעם אופן לעבען פון רשב"י און זיין קינד וואס איז געווען זיין תלמיד.

**אז א קליינע און גרויסע אן קיין אונטערשייד איז אויב נאר אז עס איז דא א חשד און א פארטראכט אז דער יצה"ר וויל אויף עם ארויסלאזן א גזירה אויף אפשוואכן זיין צוגעבונדענקייט צו תורה ומצוות איז די איינציקע עצה און די ערשטער עצה אויף יעדער טאג איינשליסן זיך אין א מערה. ד.ה. אפטיילן זיך פון דער יצה"ר און מיט אלע זאכן וואס זיינען מיט אים פארבונדען און פארבינדען זיך מיט לימוד התורה, לערנען תורה מיט התמדה ושקידה און דאס איז גאר אן אונטערשייד אין וואס פאר א סביבה מען זאל זיך ניט געפינען, און אין וואס פאר א בית ספר און מוסד מען זאל ניט לערנען און מיט וואס מען זאל זיך ניט פארנעמען צי א קליינער צי א גרויסער איז דאך אלע מאל דער יצה"ר טוט זיין ארבעט, ווי געריעדט פריער אויף וועלען ח"ו אפרייסן א איד פון זיין אמת'ע לעבען און דערצו איז די עצה און די איינציקע עצה און די זיכערע עצה אויף קובע זיין און באשטעלען יעדער טאג א צייט אין וואס ער שליסט זיך אפ אין די מערה און זיין קינדער און זיין תלמידים און זיינע מושמעים לערנען דארטן תורה.**

און דעמאלט איז ער זיכער אז דער אויבערשטער וועט עם צושטעלען דער פרנסה זיינע און די הצטרכות זיינע, בא קינדער אז ער וועט זיי געבען געזונט און הצלחה אין אלע זייערע ענינים, אזוי ווי ס'איז געווען מיט רשב"י מיט ר"א ווען זיי זיינען געווען אין דער מערה.

און די צייט וואס מ'גיט אפ אויף לערנען תורה איז דאס די אמת'ע און ריכטיקע צוגרייטונג אויף דערנאך פארנעמען דעם ארט, אין זיין סביבה און זיין אומגעבונג א פירער פון זיך אליין, ניט דער יצה"ר זאל מיט עם פירן נאר ער זאל זיין דער אמת'ע בעל הבית פאר זיך ווערן א אנפירער און א וועגווייזער אין זיין אומגעבונג און אלע גרעסערע און ברייטער.

און טאן דאס ווי ער זאגט אין היינטיקער סדרה בחוקתי תלכו, אז דער אויבערשטער זאגט אז אידן וועלן זיין עמלים בתורה זיי וועלן הארעווען און לערנען תורה.

און דעמאלט ובתוך, וועט דער אויבערשטער געבען אלע ברכות אין אלעם אין וואס מען ברויכט זיך און מ'וועט מצליח זיין אז די קינדער די קלענער וועלן ווערן גרויסער סיי בגשמיות סיי ברוחניות און מ'וועט פארשאפן אמת'ע אידישער נחת צו די עלטערן.

Click here or scan
to download this farbrengen

2 pages

בלתי מוגה

אין לערנען און פאַרשטאַנד פון תורה און אין אַ וועג וואָס זאָל דערנאָך אַראָפּקומען דורך זײַנע תלמידים און די תלמידים פון די תלמידים ביז צו אונזער דור און ביז משיח וועט קומען און וועט אַרויספירן אידן פון גלות [4] און זיי פירן אין ארץ ישראל, במהרה בימינו.

**אַט די אַלע ענינים, וואָס זײַנען דאָך פאַרבונדן מיט תורה ומצות, איז ווי דער בעל שם טוב זאָגט [5], איז דאָס ניט למפרע, דאָס איז ניט נאָר אַן „אָלד סטאָרי" וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט יאָרן צוריק, נאָר יעדער פון די ענינים באַווייזט אונז, לערנט אונז און פירט אונז ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך פירן און וואָס מיר דאַרפן טאָן כדי מיר זאָלן זיין די ריכטיקע קינדער פון אויבערשטן, בנים אתם להוי' אלקיכם.**

**אָבער — יעדער יאָר איז דאָ אַ נייע זאַך וואָס מ'לערנט אָפּ, מערער ווי דאָס וואָס מ'האָט געוואוסט און געלערנט די פאַריקע יאָרן. אַזוי אויך היינטיקן יאָר, וואָס דאָס איז דער יאָר פון הקהל.**

הקהל איז — בשעת דער בית המקדש איז געשטאַנען איז דעמאָלט אין דעם יאָר נאָך שמיטה האָט מען צוזאַמענגעקליבן אנשים נשים וטף, אַלע פון אידישן פאָלק, ביז גאָר קליינע קינדער — אין בית המקדש, דאָרטן האָבן זיי געהערט לייענען טײלן פון דעם אויבערשטנס תורה און געלערנט און מיטגענומען אויף זייער גאַנצן לעבן צו אויפפירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל. אין דערויף איז געווען אַ ספּעציעלער פאַרדינסט און זכות פאַר די קינדער אין אייערע יאָרן, ד. ה. וואָס זײַנען שוין שייך צו חינוך, אַנהויבס פון פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ צווייענדיקן ענין: אַליין הערן און לערנען און — אַז דורך זיי איז צוגעקומען אין דעם שכר און דעם פאַרדינסט פון זייערע עלטערן וואָס האָבן זיי ערצויגן און געבראַכט אין בית המקדש.

כאָטש אַפילו דער בית המקדש פון האָלץ [6] און שטיינער איז איצט חרוב, אָבער דער בית המקדש וואָס ביי יעדער אידן אין האַרצן איז גאַנץ און דאָס הענגט אָפּ פון יעדערן פון אונז אַז ער (דער האַרץ בית המקדש) זאָל פאַרשפּרייטן די ליכטיגקייט און די הייליגקייט אין אַן אופן פון הקהל — אין זיין גאַנצן אייגענעם לעבן און אין דעם לעבן פון די אַלע (אנשים נשים וטף) וואָס זײַנען אַרום עם.

Click here or scan
to download this farbrengen
4 pages

יום א', **ל"ג בעומר** - בעת ה'פאראד'

# תש"ל

מרדכי תשובה איז ניט צו זאגן אזוי, וואס תשובה העלפט דאך בשעתא חדא וברגעא חדא, און אין דעם מאמענט וואס א איד איז מחליט אז ער טוט תשובה, ווערן איינגאנצן בטל אלע זאכן צו וואס די מעשה בלתי רצוי', די ניט גוטע זאך וואס צוגעבראכט,

אזוי איז אויך אין דעם פאל, אז מ'דארף זיך בעטן מיט רחמים ותחנונים, אז די וואס האבן א טעות געהאט און ווילן זוכן אן ארט אין שו"ע אויף מאכן קולות, און זאגן אויף א גוי אז ער איז א איד, זאלן זיי וויסן אז דאס איז א צרה פארן גוי און נאך א גרעסערע צרה פאר אידן. און דערפאר וועט ער זיכער גלייך חרטה האבן פון זיינע דייד; און וועט דאס ניט טאן באהאלטענערהייט, נאר ער וועט דאס מודיע זיין בגלוי.

אזוי אויך, אט די וואס ווילן זיך איינריידן אז ס'איז ח"ו א נצחון און א גוטע זאך - אט די צרה וואס מען האט געזאגט אז מען קען זיך מגייר זיין ניט לויט דער הלכה, וועלן זיי זען דעם אמת, און וועלן זיך ניט שעמען זאגן אז מ'האט א טעות געהאט,

**פונקט ווי משה רבינו האט זיך ניט געשעמט און געזאגט אז ער האט חרטה, ווייל ס'איז געווען א זאך וואס ער האט פארגעסן; האט ער דורכגעטראטן די וועג פאר אלע גדולי ישראל, ד.ה. פאר אלע אידן, וואס יעדער פון זיי איז א גדול, אז ער זאל זיך ניט שעמען און זאגן אז ער האט א טעות געהאט, און דער אמת איז ווי ס'שטייט אין תורת אמת.**

און אט די וואס זיינען אין ממשלה, וואס זיכער איז דאך זיי טייער יעדער אידישער לעבן, עאכו"כ טערערע לעבנס, וועלן זיי זיכער אננעמען די תפלות, און די בקשות, און די טרערן, פון די עלטערן, און די ברידער און שוועסטער, פון די קרבנות וואס פאלן, און וועלן גלייך אנזאגן אז זיי האבן חרטה פון זייער הטעמה, און כ"ש דאס וועט ניט פאריכט ווערן - גייען זיי ארויס פון דער ממשלה.

וואס דורך דערויף וועלן זיי געבן די מעגליכקייט אויך די אנדערע מיניסטארן, וואס זיי זאגן קלאר און אפן אז זיי וואלטן שוין מבטל געווען די גזירה איומה פון גיור שלא כהלכה, נאר זיי ווארטן אז די און די זאלן דאס זאגן אפן און באווייזן אז זיי מיינען דאס מיט אן אמת, זאלן זיי אנגעבן אין דעמיסיע, וועט דעמאלט בטל ווערן אט די גזירה.

ס'איז טאקע זיכער פארשטאנדיק אז ס'איז א שווערע זאך אפזאגן זיך פון א כבוד וואס אידן גיבן א צווייטן אידן, אבער אין דערויף דארף מען זיך לערנען פון אט די קינדער וואס שטייען אויף די גרעניצן פון ארץ ישראל, און רעכענען זיך ניט מיט די קרבנות וואס זיי ברענגען, וואס דאס איז נוגע אין לעבן; עאכו"כ אז דער וואס זיין איינציקער קרבן איז, אז ער וועט זיך מודה זיין ברבים אז ער האט א טעות געהאט - וואס משה רבינו אליין האט אויך געקענט א טעות האבן,- אזוי אויך דארף דער וואס איז א מיניסטער, ברענגען דעם קרבן און זיך אפזאגן פון זיין בענקל, און זאגן קלאר און אפן, אז מען וויסן אז א איד איז אט-דער וואס דער אייבערשטער האט געשריבן אין תורה אז ער איז א איד,

Click here or scan
to download this farbrengen

10 pages

בלתי מוגה

# יום ג', ל"ג בעומר - בעת ה'פאראד' תשל"ו

אַז זיי שטייען אין אַ שמחה גדולה, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי — און דער ערשטער — פרייט זיך דערמיט דער אויבערשטער, וואָס דעמולט טוט מען דאָס מיט אַ פריילעכקייט, און מיט אַ שטאַרקייט, און מיט אַ לעבעדיקייט, ובמילא — איז מען נאָך מער מצליח.

יב. און ווי געזאָגט פריער אַז אָט די זעקס ענינים: די צוויי פסוקים, די צוויי מאמרי רז״ל, און די צוויי אָנווייזונגען פון דעם אַלטן רבי׳ן — דאַרפמען אַיינקריצן אין זכרון, און צוזאַמען מיט די זעקס ענינים וואָס מ׳האָט איינגע׳חזר׳ט פון פריער, וועט דאָס באַלייכטן די וועג, און צוגעבן שמחה און לעבעדיקייט, אויף דורכפירן די שליחות וואָס יעדער אידישע אינגעלע און מיידעלע האָט, אויף טאָן מיט זיך, און אויפטאָן מיטן אַרום, און אויפטאָן מיט דער גאַנצער וועלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אַ דירה לו בתחתונים.

וואָס דאָס וועט נאָכמער פאַרשטאַרקן דעם פאַרבונד פון אידן וואָס זיי זיינען אַ „גוי אחד״[21] — אַן איין און איינציקער פאָלק, אפילו ווען זיי זיינען „מפוזר ומפורד בין העמים״[22], ווען זיי זיינען פאַרשפרייט זייערע גופים, און מ׳געפינט זיך אין פאַרשידענע לענדער, איז דאָס

Click here or scan
to download this farbrengen
9 pages

⭐ Editor's Pick
Must learn!! 50 Years - שנת החינוך

This year's קביעות!

# יום א', **ל"ג בעומר** - בעת ה'פאראד'

# תש"מ

ווארום בשעת די זאך איז ביי אים טייער, איז ביי אים טייער אויך א טייל פון דער זאך, ביז אפילו א גאר קליינער טייל. און דעריבער ציילט ער אלע טיילן פון דער זאך, בכדי אז קיין טייל, אפילו א גאר קליינער טייל, זאל ניט גיין פארלארן.

און דאס איז די הוראה פון די ספירה-טעג[44]:

די טייערסטע זאך וואס דער אויבערשטער גיט צו א אידן איז – צייט. דארף דעריבער א איד אפשאצן די טייערקייט פון דער מתנה, ער דארף ציילן יעדער טאג וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען, און זיך משהדל זיין אז יעדער טאג וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן (כמ"ש[45] "ימים יוצרו גו'") זאל (ניט גיין פארלארן ח"ו, נאר) זיין אנגעפילט[46], און דאס ברענגט אים צו ציילן און צו אנפילן יעדער טייל פון די טעג, יעדער שעה ביז צו יעדער רגע.

יט. מיט וואס דארף מען אנפילן די צייט – איז אויך דאס לערנט אונז ספירת העומר. און אין דעם זיינען דא צוויי פרטים:

א) דער ציילן יעדער טאג לעומר – איז א מצוה. און דורך דעם וואס מען ציילט דעם טאג – מאכט מען פון דעם טאג א מצוה-טאג, ב) די ציילונג פון די טעג פון ספה"ע איז פארבונדן מיט חג השבועות, זמן מתן תורתנו. ד.ה. אז די ציילונג פון די טעג איז – דאס וואס מען ווארט און מען בענקט אויף צו ווערן נענטער און נענטער צו מקבל זיין די תורה[47].

און פון דעם לערנט מען אפ בנוגע צו די טעג פון דעם גאנצן יאר, אז יעדער טאג (און יעדער טייל פון טאג, ביז צו יעדער רגע) דארף זיין אנגעפילט מיט אידישקייט (מיט תורה, מיט א מצוה, אדער מיט בכל דרכיך דעהו), און אויסנוצן יעדער רגע אין אזא אופן אויף צו ווערן נענטער צו קבלת התורה.

כ. די אויפפירונג צו ציילן יעדער טאג (און אויך יעדער טייל פון טאג) האט אין זיך נאך א מעלה – אז זי ברענגט צו זריזות: אז בשעת מען האט א מעגלעכקייט צו טאן א גוטע זאך



בלתי מוגה

ד. וואס כאטש אז דער צוזאמענקלייבן זיך היינט איז ניט אין ל"ג בעומר, יום שמחתו פון רשב"י[10], נאר אין דעם דריטן טאג פון ל"ג בעומר –

ווערט אבער געבראכט בנוגע צו דעם אריז"ל, אז לכבוד ל"ג בעומר פלעגט ער קומען מיט זיינע בני בית אויפן ציון פון רשב"י, כדי צו באטייליקן זיך אין דער שמחה פון ל"ג בעומר, און ער פלעגט דארטן בלייבן דריי טעג.

וואס אין מערערע ערטער[11] שטייט סתם אז ער איז דארטן געבליבן דריי טעג, אָן אויסטייטשן וועלכע דריי טעג דאס זיינען געווען,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז די דריי טעג וואס ער האט דארטן פארבראכט זיינען ניט אלעמאל געווען ל"ג בעומר און די צוויי טעג נאך דערויף;

אין איין ארט[12] שטייט אבער, אז ער איז דארטן אמאל געקומען ל"ג בעומר, און געווען דארטן דריי טעג, צוזאמען מיט זיינע בני בית.

ד.ה. אז די דריי טעג זיינען געווען ל"ג בעומר און די צוויי טעג נאך דערויף.

ה. וויבאלד אז דאס איז פארשריבן געווארן און איבער־געגעבן געווארן אלס אן ערציילונג אין תורה שבעל פה, וואס "תורה" איז מלשון הוראה[13] – איז פארשטאנדיק, אז די ערציילונג איז אן אנווייזונג און א נתינת כח צו יעדערן פון אונז:

אפילו אז מ'געפינט זיך אין דעם דריטן טאג פון ל"ג בעומר – איז בשעת מ'קלייבט זיך צוזאמען, ובפרט אין א הייליקן ארט וואס איז בדוגמא ווי דער ציון פון רשב"י, אין א שול וואו מ'דאווענט און וואו מ'לערנט, ובפרט אז דאס ווערט אויך באגלייט מיט דאווענען, תפלת מנחה, און מיט זאגן און לערנען פסוקים פון הושב"כ און תושבע"פ –

איז א זיכערע זאך אז רשב"י איז מיט אונז.

און צוזאמען דערמיט – געפינט זיך מיט אונז אויך דער אויבערשטער, ווי רשב"י האט געזאגט[14] אז "כל מקום שגלו (ישראל) שכינה עמהן", אז דער אויבערשטער (די שכינה)

# יום ה' פ' אחו"ק, ו' אייר - בבית הכנסת - לצבאות ה' תשמ"ב

די זאלן זיין נאך בעסערע חלקים פון "צבאות השם", אין דורכפירן אלץ וואס דער "קאמענדער-אין-טשיף", דער אויבערשטער, ערוווארט פון זיי, גיט זיי כח אויף דורכפירן דאס אין א גוטן אופן, און בענטש זיי דערנאך נאכמער און נאכמער.

ח. דער צוזאמענקלייבן זיך קומט פאר אין דעם זעקסטן טאג פון חודש אייר, און היינטיקן יאר קומט דאס אויס אין דעם פינפטן טאג אין וואך פון די פרשיות אחרי קדושים, וואס דער שיעור חומש וואס מ׳לערנט אין דעם טאג (ווי מ׳האט היינט געלערנט), איז - דער חלק פון חמישי ביז ששי אין די פרשיות; און דער זעקסטער טאג אין חודש אייר איז אויך פארבונדן מיט דעם חלק פון תהלים וואס מ׳זאגט דעם זעקסטן טאג פון חודש.

א הויפט אנווייזונג וואס "צבאות השם" דארפן און קענען ארויסנעמען פון דעם שיעור חומש[6], איז - "ואהבת לרעך כמוך"[7] (וואס איז א פסוק אין דעם שיעור חומש), ווי איר האט ערשט אליין געזאגט (אין די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל):

וויבאלד אז דער צוזאמענקלייבן זיך קומט פאר אין דעם ספעציעלן טאג אין חודש אייר וואס זיין שיעור אין תורה האט אין זיך אויך דער פסוק "ואהבת לרעך כמוך" - שטרייכט דאס גלייך אונטער די ספעציעלע אנווייזונג אז מ׳זאל נאכמער טאן אין דער מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", ובפרט וויסנדיק אז דאס איז א "כלל גדול בתורה" ווי רבי עקיבא זאגט[8].

ט. די הוראה איז נאכמער מודגש אין די טעג פון ספירת העומר:

ספירת העומר איז פארבונדן מיט די תלמידים פון רבי עקיבא, ווי די גמרא[9] דערציילט, אז צווישן פסח ועצרת (אין די טעג פון ספירת העומר) זיינען די כ"ד



Click here or scan
to download this farbrengen
12 pages

Editor's Pick
Many learning it this year - same קביעות

This year's קביעות!

# יום ג' פ' בהו"ב, ל"ג בעומר, בבית הכנסת - לצבאות ה' תשמ"ב

אופן השמחה אין דעם טאג פון ל"ג בעומר –

האט אבער רבי שמעון בן יוחאי בכח צו אויפטאן, אז זיין גאנצער דור און די דורות נאך אים זאלן אויך שטיין אויף זיין דרגא.

ובדוגמא ווי אן ענק[10], א "דזשייענט", קען ארויפשטעלן גאר א קליין קינד אויף זיינע פלייצעס, אויף זיינע "שאולדערס" (כתפיים) און אויף זיין קאפ, און דעמולט קען דער קליין קינד זען גאר ווייט, כאטש אז אליין פאר זיך איז ער נאר א קלייניקער. דאס הייסט: דער ענק קען אריינגעבן כחות אין דעם קליין קינד, דעם קליינעם אינגעלע, אדער די קליינע מיידעלע אז זיי זאלן קענען זען גאר ווייט און דערגרייכן גאר הויך, אויב זיי נוצן נאר אויס די כחות וואס דער ענק גיט אין זיי אריין.

אזוי איז אויך אין אונזער עניין: רבי שמעון בן יוחאי האט ארויפגעשטעלט אלע אידן ביז גאר קליינע קינדער אויף זיינע "שאולדערס", ד.ה. ער גיט אריין כחות צו אלע אידן אין אלע דורות, ביז צו גאר קליינע קינדער, א קליינע אינגעלע אדער א קליינע מיידעלע, אז זיי זאלן קענען דערגרייכן גאר הויך און מצליח זיין גאר א סך,

דער קליין קינד (און יעדער איד) דארף נאך אויסנוצן די כחות וואס דער "ענק", רשב"י, האט אין אים אריינגעגעבן, און פירן זיך לויט די אנווייזונגען פון דעם "ענק", און טאן דאס בשמחה (ווי רשב"י האט אנגעוויזן) – און דעמולט, כאטש דער קליין קינד פאר זיך איז גאר א קלייניקער אדער א קלייניקע, זעט ער בפועל "גאר ווייט", ער דערגרייכט גאר הויך און איז מצליח גאר א סך, ווארום ער האט כחות פון דעם "ענק", פון רשב"י, און דערצו האט מען אויך די שמחה וואס דער "ענק" האט פון די אויפפירונג פון דעם קליינעם קינד וועלכן ער האט ארויפגעשטעלט אויף זיינע "שאולדערס".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז בשעת מ׳פירט זיך לויט די אנווייזונגען פון רשב"י – קען יעדער איד, ביז א גאר קליין קינד, דערגרייכן בל"ג בעומר צו דרגת השמחה (מעין) פון רשב"י דעמולט.

Click here or scan
to download this farbrengen
19 pages

⭐ Editor's Pick
Many learning it this year - same קביעות

This year's קביעות!

בלתי מוגה

צווייטן אידן אָדער אַ צווייטן מענטשן בכלל, נאָר נאָכמער — נוהג כבוד זיין מיט אים, אים אָפּגעבן כבוד.

יעדער קינד (און בכלל יעדער איד) דאַרף וויסן אַז מ'דאַרף זיך איינהאַלטן ניט צונעמען אַ זאַך ביי אַ צווייטן, ווייל ער האָט דאָס געוואָלט פאַר זיך — ווי־באַלד אַז ס'איז אַ געשמאַקע זאַך. און אַפילו ניט משיג גבול זיין אַ צווייטן, ווי לדוגמא: בשעת ער וויל קויפן אַ „טאָי" (אַ צאַצקע) אָדער אַ צוקערקע, און אַ צווייטער איז געווען דער ערשטער וואָס וויל דאָס קויפן — דאַרף ער זיין אויסגעהיט אויף ניט משיג גבול זיין און זאָגן דעם פאַרקויפער, אַז איך וועל דיר געבן מער מיט אַ „פעני" במילא גיב דאָס מיר אָפּ. און ענלעכעס[31].

וואָס דאָס איז אַן ענין „דעלך סני": ווען איינער וואָלט דאָס מיט אים געטאָן, וואָלט ער דאָס ניט געוואָלט ליידן. דאָס איז אויך דער ענין פון משיג גבול, אַריינגיין אין אַ שטח (אַן אָרט), אַ זאַך, וואָס אַ צווייטער האָט עס געטאָן דער ערשטער.

אַזוי אויך ניט אָנרירן יענעמ'ס כבוד, און נאָכמער (כנ"ל) — ניט נאָר ניט אָנרירן יענעמ'ס כבוד, נאָר יענעם געבן — אָפּגעבן כבוד.

יא. וואָס דאָס (זיין אויסגעהיט אין דעם כבוד פון אַ צווייטן) ווערט לייכט־ער און פאַרשטאַנדיקער (ווי אַזוי מאָנט מען עס באַ יעדערן, אַפילו באַ גאָר קליינע קינדער) — בשעת מ'באַטראַכט זיך אַז דער צווייטער מענטש איז אויך אַ


Click here or scan
to download this farbrengen

17 pages

און דאָס איז „בכל מקום שגלו״ — צי אין „בבל״ (אין ערשטן גלות) אָדער אין „אדום״ (דעם לעצטן גלות) — אַלע מאָל איז „שכינה עמהם״[94].

וואָס דערפון איז מובן, אויף וויפל מען האָט דעם סיוע פון דעם אויבערשטן, אויף איבערקומען די אַלע שוועריקייטן, וואָרום דער אויבער־שטער האָט זיך כביכול אַליין אַריינ־געשטעלט אין די שוועריקייטן.

כח. דערביי קומט צו נאָך אַן ענין:

**היות אַז „בכל צרתם לו צר״ — ווערט דאָך נאָך שטאַרקער די טענה „למה יאמרו הגוים אי׳ אלקיהם״[95].**

**וואָס דעריבער איז פאַרשטאַנדיק די גרויסע השתדלות כביכול פון אויבערשטן, אַז די גאולה זאָל קומען וואָס פריער!**

**און עס דאַרף אויך פועל׳ן אויף אַ אידן, אים זאָל האַרן דאָס וואָס דער אויבערשטער איז אין גלות, ביז אַז אַ איד דאַרף שרייען „עד מתי״[96]: ווען וועט שוין קומען די גאולה! און ווען וועט שוין דער אויבערשטער אַרויסגיין פון גלות, און מיטנעמען מיט זיך אַלע אידן, וואָס זיי אַלע וועלן אַרויסגיין פון גלות!**

כט. און אויך דער ענין, ווי דער אויבערשטער גייט אַרויס פון גלות צוזאַמען מיט אידן — שטייט בהמשך דברי רשב״י: נאָך דעם וואָס ער זאָגט אַז


Click here or scan
to download this farbrengen
20 pages

באקומען א תורה וואס זי איז „חמדה גנוזה"[40], די טייערסטע זאך וואס איז דא באם אויבערשטן.

דאס הייסט, כאטש אז דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט — ווי איר האט ערשט געזאגט[41] „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"[42], אלע הימלען און די גאנצע ערד, און אלץ וואס געפינט זיך דארט (כל צבאיהם)[43], וואס דערפון[44] איז פארשטאנדיק די טייערקייט פון דער וועלט מיט אלע אירע באשעפענישן, ובפרט אז צווישן די באשעפענישן זיינען פאראן גאר טייערע זאכן[45] — פונדעסטוועגן קומט דאס אלץ ניט צו דער תורה וואס זי איז „חמדה", די טייערסטע זאך פון דעם אויבערשטן, און אזוי טייער — אז זי איז „גנוזה", באהאלטן, אפילו פון די גרעסטע מלאכים[46]!

און אט די „חמדה גנוזה" האט דער אויבערשטער אפגעגעבן — אין דער פולסטער מאס און אין דעם אפענסטן אופן (ניט באופן פון „גנוזה") — דוקא צו אידן, „בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו"[47], אנהויבנדיק גלייך ווי א אידיש קינד ווערט געבארן, ווי עס שטייט „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[48], וואס ירושה איז אז גלייך ווי א קינד ווערט געבארן[49] ירש'נט ער די גאנצע תורה עד סוף כל הדורות, און קען אין דעם: לערנען און פארשטיין און מחדש זיין (היפך פון „גנוזה")[50].

און דעריבער, גלייך ווי א קליין קינד מתחיל לדבר לערנט מען מיט אים אותיות פון תורה, און נאך פאר דעם — גלייך ווי ער ווערט געבארן — הענגט

וע״י השמחה ניתוסף עוד יותר בהקירוב והאחדות, כטבע בני־אדם שכאשר נמצאים במעמד ומצב של שמחה, נקל יותר לפעול הקירוב והאחדות ״גם יחד״, לפעול כולם יחדיו לשם מטרה ותכלית אחת — שהעולם יתנהג באופן של אהבה ואחוה שלום וריעות, ועד לתכלית השלימות דשלום ואחדות בעולם כולו, לא רק אצל בני־אדם, אלא גם אצל בעלי־חיים, ״וגר זאב עם כבש״, בגאולה האמיתית והשלימה (כנ״ל ס״ט).

*

**טו. ויש לסיים ולהתכונן בזריזות לעריכת התהלוכה עצמה,**

**— ובפרט שאין לעכב את הילדים זמן ארוך יותר מדי, כיון שביום ל״ג בעומר אינם הולכים ל״חדר״ ול״ישיבה״, ולכן יש לקצר בכמות בהדברים הנאמרים, ענינים מתושב״כ ותושבע״פ, שלומדים גם ב״חדר״ וב״ישיבה״, ומה גם שכיון שמדובר אודות ילדים שהם בעלי חכמה בינה ודעת, הרי, מהענינים שנאמרו לפנ״ז, החל מי״ב הפסוקים ומאמרי חז״ל, יש להם מספיק לחשוב ולהתבונן, להוסיף ולהעלות בקודש —**

**ובודאי תהי׳ התהלוכה בהצלחה רבה, וברוב פאר והדר, כולל גם שאין לחשוש מגשם, כיון שיהי׳ מזג אויר (וכל הענינים הקשורים לתהלוכה באופן טוב ונעים.**

ועוד ועיקר — באופן דפעולה נמשכת והמשך טוב על כל הימים שלאח״ז, הן בחודש אייר, והן (ויתירה מזה) בחודש סיון, ״חודש השלישי״ שקשור עם מתן־תורה[64], שבזה נכלל כל טוב גשמי ורוחני, כמ״ש בפרשת השבוע ״אם בחוקותי תלכו גו׳ (שתהיו עמלים בתורה[65]) ונתתי גשמיכם בעתם גו׳ ונתתי שלום בארץ גו׳״, עד ״ואולך אתכם קוממיות״ (כנ״ל סי״א).

טז. ויה״ר והוא העיקר — שתיכף ומיד זוכים לתהלוכה האמיתית ד״ילכו מחיל אל חיל״ עד ש״יראה אל אלקים בציון״[28].

ובפשטות — שתיכף ומיד ממש יוצאים כל בנ״י מהגלות, מתוך שלימות ושמחה, ובאים לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש ולקדש הקדשים.

ובהדגשה יתירה בקשר ובשייכות לל״ג בעומר דשנה זו:

# Sunday, **18 Iyar, Lag B'Omer** - Parade
# 5713

great TANNAIM. The Talmud tells us further, that although Rabbi Akiba had been very poor, he was later blessed with great riches. This was also a reward for devoting himself to study, with no thought for anything else.

The lesson to all Yeshivah students is clear. When they set out on the road to learning, and the road seems to them long and difficult, and they begin to doubt whether this road is for them, whether they will ever succeed, or whether this road will be useful to them in their later life...

The Sefirah days should dispel all such doubts and discouragement. For these days teach us of the experience of Rabbi Akiba: Where there is a sincere desire to learn, where there is a firm will and determination to succeed, success on the road to learning is certain. Moreover, in time this brings also success in other things, and blessings of true happiness, as we are taught also in this week's Sidrah: "If ye shall walk in My statutes," which Rashi explains to mean, If you shall make your utmost effort to learn the Torah, then you will be blessed with all those Divine blessings which are enumerated in the Sidrah.

* * *

So much for the lesson which Rabbi Akiba's life-story teaches us. What do we learn from the experience of Rabbi Akiba's students?

Rabbi Akiba had two kinds of students. Those whose fate was linked with the days before Lag B'Omer, and those whose fate was linked with Lag B'Omer and the days after. Both types had the very same teacher, Rabbi Akiba; both kinds lived at the same time, and under the same circumstances. Yet, of the first kind, nothing was left; we do not even know their names. The second type, however, that is, the students associated with Lag B'Omer and the days after, although they were fewer in number, yet they succeeded most wonderfully: their teachings, their names, continue to shine brightly in our life to this day; they are immortal.

What was the cause of such a radical difference between them? What was the secret of success of those other disciples of Rabbi Akiba? Their success was due to the fact that they had applied themselves to study with

the Torah to all the Jews.

* * *

We must remember this lesson, which is particularly timely in our time:

By G-d's grace we find ourselves in a land where the Golus is much easier than it was in those days. Fortunately, we have no such terrible decrees as at that time, and the lives of the Jewish children are not in danger here. Nevertheless, we are in Golus, and therefore, there are sometimes difficulties for Jews to observe here the Jewish way of life in the fullest measure.

Jewish children should not forget that we all hope, day after day, for the true Redemption, and that we therefore have to prepare ourselves for it, through the study of the Torah, with devotion and diligence, and through the strictest observance of the Mitzvoth which have been given to us by G-d, through the Torah.

And, as in those by-gone days, when it was the children who, through their good conduct, brought about the deliverance, and the receiving of the Torah, so it is also now, in our generation, that on the conduct of the children our true deliverance through our Righteous Moshiach largely depends.

* * *

# Sunday, **18 Iyar, Lag B'Omer** - Parade **5727**

received additional credit — for having brought them to the Beth Hamikdosh.

Although the Beth Hamikdosh of wood[6] and stones was destroyed, the "Beth Hamikdosh" which is within the heart of every Jew remains intact. It is up to each and everyone of us that this "Beth Hamikdosh" should spread forth light and holiness in a manner of *Hakhel* — to illuminate and sanctify our own whole personal life, as well as the life of *all* (men, women, and children) around us.

This year, being a year of *Hakhel*, brings a special message and power from the One Above, enabling each one of you to practice "Hakhel" — gathering your friends, and family — to tell them about G-d's Torah and G-d's Mitzvos, and in this way make them truly happy for the rest of their lives. Here is a special Zechus, a "mission" and obligation, for the children — to work on themselves, and to influence their parents.[7]

This, indeed, was what RaShBY accomplished and taught: He did a Zechus for every Jew ("Yisroel"[8]), so that G-d should bless him and grant him Hatzlocho, as mentioned in Ovos dRabbi Nosson[9]; at the same time, he taught that in the merit of Torah and Mitzvos which a Jew gains, he can save many Jews, all those around

Click here or scan
to download this farbrengen
8 pages

# Sunday, **18 Iyar, Lag B'Omer** - Parade **5740**

G-d has promised, and will very quickly fulfill His promise, that "just as in the days of your going out from Egypt, I will show you wonders." The redemption could be made possible in one of two ways.

G-d could remain in Heaven, uneffected, directing the fate of the Jews and the world in such a manner that at the appropriate time, and even beforehand, He will take the Jews out of Golus. R. Shimon bar Yochai explains that G-d is not satisfied with this and feels that it is impossible for Him to remain free, and protect and direct the Jews in all places and times from above, as it says "Behold the Guardian of Israel neither slumbers nor sleeps." True He protects them in the time of Golus and hastens their redemption, but this is not enough. It is impossible for Jews to be in Golus and for G-d to be somewhere else, as it is written "In all their affliction He is afflicted." Not only is G-d in His place and feeling for and living through what the Jews live through in Golus from there, but furthermore, as R. Shimon bar Yochai declares (Megillah 29a) "In every place where the Jews were exiled, the Shechinah went with them." Wherever a Jew is in Golus, whether in the U.S., or in another place outside of Israel, or even now in Israel (which is presently in a terrible Golus,) G-d's presence goes with him into Golus, into every country, every city, every neighborhood, every street.

G-d does not remain in His palace and from there support, protect, and give the Jews everything they need. Rather, as R. Shimon bar Yochai says, He goes with every Jew and remains with every Jew to the last days and last moment of Golus, until the beginning of the true redemption.

And only then does "G-d return (with) your exiles" — with you. Until the last moment of Golus, G-d is together with every one of us in every place and in every situation in Golus. He hopes and desires that the redemption of each and

The ultimate goal and objective of R. Shimon's study was that it be extended to young children and even "the children of the world," with the intention that his teachings would spread to all children of the world, enabling each one to study it. Therefore, it is self-evident that when Jewish children gather together in R. Shimon's honor, it brings him great joy and special satisfaction.

4. Although this gathering is not being held on Lag B'Omer, R. Shimon's day of celebration, but two days afterwards, we are told that the AriZal would journey to Meron with family to participate in the celebration of Lag B'Omer for a stay of three days. It is not explicitly stated in most sources as to which three days he stayed there, hence, it is possible that he came the day before Lag B'Omer and did not remain for two days afterwards, However, in one text, (Sha'ar HaKavanas; Sefiras HaOmer 12) it specifically states that he arrived on Lag B'Omer and remained for three days.

5. Since the above is a part of the Torah Shebe'al Peh (the Oral Law) and every aspect of Torah — derived from the word Horeah, meaning teachings — must teach us a lesson, the story of the AriZal serves as both a lesson and a source of strength for us. Although it is now two days after Lag B'Omer, the fact that we are gathered together, particularly in a holy place, (as is the grave of R. Shimon,) a shul where Jews pray and learn and where we have prayed Minchah together and recited verses from the Torah (both the Oral Torah and the Written Torah), surely R. Shimon is with us.

G-d is also with us; for as R. Shimon said (Megillah 29a), "In every place to which Israel was exiled the Shechinah (Divine Presence) went with them." Wherever Jews are found, G-d "rests within them," in their hearts. G-d's influence and Rashbi's influence bring about a deeper connection with

# 5742

2. There are additional lessons to be learned from the specific day of the month of Iyar on which this gathering is being held — the 6th of Iyar, Thursday of parshas Acharei-Kedoshim. In the Torah reading of this day, we find the verse "You shall love your fellow as yourself," which Rabbi Akiva said is "A great principle in the Torah." Thus the lesson from this is that each and every one must try more in the fulfillment of the mitzvah "love your fellow as yourself."

This has special relevance to the days of Sefiras HaOmer. During Sefiras HaOmer, the students of Rabbi Akiva were struck by a plague, for they did not give the proper honor due to each other. This teaches us how important it is to love, honor and respect a fellow Jew. And certainly each one of us wishes to fulfill the dictates of Rabbi Akiva, one of which was that "You shall love your fellow as yourself is a great principle in the Torah."

However, a question arises: How is it possible for a child, of pre Bar/Bas Mitzvah age, to do all the above — to increase in Torah and mitzvos? Isn't it a very difficult task? The answer to this comes from the beginning of the daily portion of Tehillim (35:1): "Fight, Hashem, my adversaries, battle my attackers." G-d is together with every member of Tzivos Hashem, and helps him in his battle with the Yetzer. Knowing this, a child is *sure* that he will be victorious, and will be successful in fulfilling all good resolutions he has undertaken. The end of today's portion of Tehillim (38:23) states: "Hasten to my assistance, 0 my L-rd, my Salvation." The victory against the Yetzer comes *quickly*, since G-d helps him in his battle.

Through conduct in the above manner, we merit an increase in G-d's blessings, including the main blessing of the exodus of Jews from their individual exile (the

# 5742

appearance ... the world would not exist. And who is it that upholds the world and causes the forefathers to appear? It is the voice of *tender children* studying the Torah; and for their sake the world is saved." In other words: Notwithstanding the strife in the world, and wars between the nations, the world is upheld and saved by the Torah study and fulfillment of mitzvos of children.

In connection with the above concerning the world being upheld by children, at this gathering of children we shall fulfill the three things upon which the world stands — "Torah, prayer and deeds of loving kindness." Torah: the 12 verses and sayings of our Sages that were just recited. Prayer: at the end of this gathering, you shall say the prayer-associated with the redemption — "May it be the will before You, our G-d and the G-d of our forefathers, that the Bais Hamikdosh be built speedily in our days, and give our portion in Your Torah." Since this prayer is associated with the greatest of joy, the joy of the future redemption, this prayer should be sung with the well-known tune among Jews. Tzedakah: I will give coins to every one of you to be given to Tzedakah on this auspicious day of Lag B'Omer. Also, you should sing the verse "They shall contrive schemes but they will be foiled, they shall make plans but they will not eventuate, for G-d is with us."

Afterwards, you will go joyfully to the fields (as is customary for Jewish children on Lag B'Omer) to see the wonders G-d created in His world. This is also associated with the prologue of the Zohar quoted previously. "The verse states: 'The blossoms appeared on the earth.' The 'blossoms' refer to the work of creation. 'Appeared on the earth' — when? On the third day, as it is written 'And the earth brought forth;' they thus then appeared on the earth." Hence, when you go now to the fields to see the trees and shrubs etc., you will certainly

Free Translation

⭐ Editor's Pick
This year's קביעות

This year's קביעות!

"uminason," is cognate with the meaning "education." Thus, "his Torah was his profession," also means that he educated his disciples that their principal occupation should also be Torah.

The lesson, then, to all Jews who wish to follow Rashbi's path is that even when occupied in other things, one must always remember that these are secondary, and the principal thing is Torah.

The idea of, "his Torah was his profession," is particularly relevant to Jewish children. A grown person, particularly after marriage, must spend part of his time earning a living. Children, because their needs are provided for by their parents, can utilize *all* their time for Torah study.

The above lesson is especially important now, close to the summer vacation, when children are registered in summer camps. You children should ask your parents to register you in a summer camp, where you can utilize every free moment for Torah study and fulfillment of mitzvos.

To the parents who are here, we turn with a request — in the name of Rashbi — that they should register their children in summer camps where they will receive the best education — utilizing all their free time for Torah study, thereby giving great satisfaction to G-d.

Consonant to the command, "You shall love your fellow as yourself," parents should not only register their own children in camp, but also endeavor to see that other children are also registered. Children, too, should influence their friends to spend their summer in a camp permeated with the spirit of "his Torah is his profession."

Besides the above lesson derived from Rashbi's Torah study, there is also a

Again, it is the example set by the children which influences the adults. Before they are old enough to have any worries, children are educated to know that they must talk of Torah matters: As soon as they begin to speak they are taught the verse, "The Torah which Moshe commanded us it the heritage of the congregation of Ya'akov"; as they mature, they are educated in other Torah concepts.

Such behavior gives satisfaction to parents, knowing they have healthy children spiritually — which leads to physical health. How? Since a child eats not because he is a glutton but because he wishes to make a blessing over the food and because he wants to have the strength necessary to carry out G-d's mitzvos, he will certainly not eat harmful foods no matter how delicious looking. And the satisfaction parents derive from their children will in turn influence parents to strive harder to emulate their children and make Torah their occupation — as Rashbi.

4. Not only does the concept of "Torah is his sole occupation" apply to all Jews, especially children, but also Rashbi's attitude exemplified by his statement, "I am able to absolve the whole world from punishment." Jews, especially children whose "breath is free of sin," free the world from punishment through learning Torah and observing mitzvos.

Jewish girls in particular play an important role in this. As soon as they are old enough (able to recite a blessing and understand the difference between light and darkness —), girls should be educated to kindle the Shabbos and Yomtov candles.

All mitzvos are from G-d, and all mitzvos are a "lamp," shedding spiritual light.

# Sunday, **18 Iyar, Lag B'Omer** - Parade **5747**

Along with the command, G-d bestows the power to perform — so that this dream can truly become a reality.

Not long ago the President of the United States issued a much heralded proclamation which gave special attention to the Seven Noachide Laws.

In the Presidential proclamation (issued on Education Day, 1987) the President underscored the vital importance of the Seven Noachide Laws. He stressed that our duty to perform these rules comes from G-d's command and that the principles of independence of the United States rest strongly on the premise of exercising G-d's will on earth.

In addition to the citizens of America the President also urged all the leaders of the nations of the world to beseech their citizens to observe the laws of Noach — for their own benefit, so that they should enjoy peace, prosperity and serenity. Now that the President has raised this subject it should be easier for every individual to encourage others to do them.

May G-d grant that the President's appeal should be heeded here at home and abroad, and hopefully the leaders of the sovereign states of the world will turn to their people and urge them to observe the laws of Noach in all their varied details.

*

In addition to these lessons of *Sefirah* and Lag BaOmer the wise students will find more to learn from and will grow in wisdom, understanding and knowledge and then be more diligent in observing mitzvos. As a result of which they will receive even greater blessings listed in the Torah, culminating with the blessing,

potential without intimidation or hindrance by fear and inspire them to dedicate themselves to a life of positive activity, spreading good throughout the world.

## The Meaning of a Parade

The essential aspect of a parade is the expression of pride in one's beliefs and values and provides an opportunity to demonstrate it to others. In a parade, furthermore, one does not stand still, indicating each individual's need to continually proceed further in positive activities. The main participants in this parade are children, who reflect the concepts of progress and growth more noticeably than adults. Each year, and even each season of the year, their bodies grow. This physical growth should be accompanied by spiritual growth, which in turn, should be reflected in changes of behavior, in an increase of good deeds.

Joining in this parade are representatives of the city, state, and national government, indicating that they share the desire to spread love, brotherhood and peace. This is further emphasized by the manner in which they have participated — by sending also bands — for music spreads happiness and encourages communication and peace. This will be accomplished by encouraging education — in particular, by promoting the observance of the seven universal laws commanded to Noach and his descendants, and by spreading the practice of *Tzedakah*, righteous and charitable conduct.

## Elevating Materiality

To inspire these activities, a special silver coin has been minted in connection with this occasion, to be distributed to all the participants. In the Holy Temple in Jerusalem and in its service, silver and other material goods were used to create a dwelling for G-d. In a larger sense, the totality of our involvement in the

To access every rally with the Rebbe - text/audio/video

**berel.me/rallies**

To receive the 'Taste' each week, visit:

**berel.me/taste/subscribe**

To view and download this 'Taste' and all previous issues, visit:

**berel.me/taste**